בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת יתרו

כד שבט תשפ״א

יאר 1 גליון 12

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - פייגי שארף

מיין פוס האט זייער שטארק ווי געטון, האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבעשטער אז עס זאל זיך אויסהיילן און ש׳כח אייבערשטער אז עס האט זיך שוין אויסגעהיילט!

### ערשטע קלאס - לאה׳לע יאקאבאוויטש

איך האב זייער שטארק געוואלט גיין צו די פארק, וואס האב איך געטון? איך האב געבעטן די אייבערשטער און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין צו די פארק!

### צווייטע קלאס - דבורי לעווי

איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז עס זאל שנייען, ווייל איך האב זייער שטארק ליב ווען עס שנייט, און ש׳כח אייבערשטער אז מאנטאג האט געשנייט זייער שטארק, און איך האב מיך געקענט שפילן מיט די שניי, ש׳כח אייבערשטער!

### פערדע קלאס - חני לעווי

ווען מען זאגט שיין תהלים, און מען דאווענט שיין טיילט מיין טיטשער קארטלעך, און מאנטאג איז געווען די גורל, איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל געוואונען, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב געוואונען די גורל!

### עלטסטע קלאס - רחלע שניטצלער

מיין שוועסטער האט מיך געמאכט א העירקאט, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל שיין געלונגען, איך זאל עס ליב האבן, עס זאל זיין נישט צו לאנג און נישט צו קורץ, און ש׳כח אייבערשטער עס איז אויסגעקומען הערליך פונקטליך אזוי ווי איך האב געוואלט!

### בית פיגא ליבערטי - חילע היימליך

עס האט געשנייט זייער שטארק און זייער הייעך, עס האט נישט אויסגעזען ווי עס גייט זיין סקול, אבער איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל יא זיין סקול, ווייל איך האב אזוי שטארק ליב סקול, און ש׳כח אייבערשטער אז עס איז יא געווען סקול!

## נייעס אין בית פיגא

~ חמשה עשר בשבט איז פארגעקומען א פרייליכע מסיבה אין ווילימסבורג סקול, לכבוד חמשה עשר בשבט און מוהרא״ש ס יארצייט. מען האט געהאט א ברכות פארטי, מען האט געמאכט שיינע היבכע ברכות צוזאמען, און דערנאך געענפערט הויך אמן. נאכדעם האט א יעדע קלאס דעקארירט א בילד פון מוהרא״ש, און מען האט עס אויפגעהאנגען אויף די וואנט. די עלטסטע קלאס האט געמאכט א גרויסע סיין מיט די ווערטער ״ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין״ די ווערטער וואס מוהרא״ש האט שטענדיג גע׳חזר׳ט.

~ ברוכים הבאים גאלדי און פייגי בוים צו אונזער שטעטל סקול! אונז זענען אזוי פרייליך זיי צו האבן דא! אלע מיידלעך פון וויליאמסבורג ווילן זיך אזוי שטארק בענקען צו זיי.

~ די וואך איז געווען א היבכע שניי שטורעם, סיי אין ווילימסבורג און סיי און שטעטל, און אלע מיידלעך און טיטשערס האבן געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיין סקול און ש׳כח אייבערשטער אז עס איז ווייטער געווען געהעריג סקול. אין שטעטל איז נישט געווען קיין טרענספארטעישן ווייל די באס האט נישט געקענט פארן, האט מען געזען די געוואלדיגע חסד וואס איז דא אין שטעטל, ווי מען האט זיך ארויסגעהאלפן איינער דעם אנדערע, און יעדער איז געקומען אין סקול פרייליכערהייט.

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ד׳ פרשת שמות, י"ח טבת, שנת תשע"ט לפרט קטן

... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו זאגסט יעדן טאג דעם ׳יום תהילים׳; מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זאגן תהילים, בפרט מיידלעך וואס דארפן גרויסע ניסים צו טרעפן אן ערליכער שידוך, אן ערליכער בחור מיט יראת שמים איז זייער א גרויסע זאך פאר זיי צו זאגן תהילים.

דאס וואס עס איז דיר שווער צו רעדן צו מענטשן וכו׳; די עצה אויף דעם איז אסאך רעדן צום אייבערשטן, ווייל ווי מער מען געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן אלץ שטערקער ווערט אויפגעבויט די אמונה סיי אינעם אייבערשטן און סיי אין זיך, מען גלייבט אין זיך אז מען איז חשוב ביים אייבערשטן. נאכדעם איז מען שוין נישט אזוי פארנומען מיט זיך, מען טראכט נישט: ׳וואס וועט מען טראכטן פון מיר?׳ ׳וואס וועט מען זאגן אויף מיר?׳

עס איז זייער געזונט צו הערן לעבעדיגע ניגונים; היינט איז דא א שפע פון ערליכע זינגערס וואס זינגען ניגונים פון אמונה. דאס פארטרייבט אלע שלעכטס פונעם מענטש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# בנינו אפדעיטס

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א בנינו קאנפערענס ווי איבער 200 פרויען האבן זיך באטייליגט. מרת שארף האט עס אנגעפירט און זייער שיין גערעדט וועגן די געוואלדיגע זכות פון שטיצן די מוסד. מרת לעזער די חשובע מנהלת פון בית פיגא האט גערעדט פון וואס די מוסד טוט אלס אויף, ווי געטריי און איבערגעגעבן די טיטשערס און מלמדים זענען, און וואס קען זיין גרעסער ווי געבן $5 א וואך פאר ליכט צינדן צו העלפן צאלן די מלמדים און טיטשערס. דערנאך איז געווען א סורפרייז גאסט רעדנער, מרת פריידל קאהן דער ראש ישיבה שליט"א'ס שוועסטער פון לעיקוואד וואס זי האט ארויסגעברענגט. ווי גליקליך מיר זענען אז מיר ווייסן פון די עצות פון די




**ווערט א "בנינו" מעמבער און יעדן ערב שבת קודש פאר ליכט צינדן, ווען מען בעט דעם אייבערשטן פאר גוטע קינדער, וועט אייער קרעדיט קארד ווערן געטשארזשד מיט $5 פאר ליכטיגע קינדער!**

**רופט שוין 929-630-6070**

# א מעשה פון א צדיקת

עס איז שוין אריבער אפאר יאר פון די חתונה פון פיגא די אייניקל פון די בעל שם טוב, און זי האט נאך אלס נישט געהאט קיין קינדער. זי האט זייער אסאך געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל שוין האבן א קינד.

מזל טוב! די צדיקת פיגא האט געהאט א בעיבי, א אינגל בעיבי! זי האט אים א נאמען געגעבן ישראל, נאך איר הייליגע זיידע די בעל שם טוב.

עס איז אריבער אפאר יאר, און איין צופרי וועקט פיגא אויף איר אינגל ישראל, און זי פילט אז זיין שטערן פלאקערט פון היץ, ער איז געווען בלאס ווי די וואנט, און זיך זייער נישט גוט געפילט. זיין מאמע האט גלייך געלייגט א פרוטה אין די פושקע און אנגעהויבן צו בעטן די אייבערשטער אז ער זאל פילן גוט. נאך אפאר שעה, זעט זי אז ישראל איר איינציגסטע אויסגעבעטענע קינד פילט נאך אלס נישט גוט, ער איז נאך זייער קראנק, עס זעט אויס ווי עס איז זיינע לעצטע שעות וואס ער לעבט.

די צדיקת פיגא האט אים אויפגעהויבן פון זיין בעט און געלאפן מיט אים צו איר זיידע די הייליגע בעל שם טוב׳ס ציון, און אים אראפגעלייגט אויף די ציון, און זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז בזכות איר הייליגע זיידע די בעל שם טוב זאל איר זון האבן א רפאוה שלימה, און ער זאל נאך לעבן. נאך אפאר שעה וואס זי האט דארט געוויינט צו די אייבערשטער איז זי אוועקגעגאנגען און אים דארט געלאזט ליגן. זי האט געגלייבט אז די אייבערשטער גייט אים אויסהיילן.

שפעטער ביינאכט זענען געגאנגען אפאר אידן צו די בעל שם טוב׳ס ציון, און זיי האבן געהערט א קינד וויינט, האבן זיי אים אהיימגעטראגן. ווען פיגא האט געזען איר זון געזונט און שטארק, האט זי אנגעהויבן טאנצן פאר שמחה, און געדאנקט די אייבערשטער פאר די גרויסע נס וואס ער האט געמאכט מיט איר.

יענע נאכט האט זי זיך געלייגט שלאפן זייער פרייליך, און זי חלומ׳ט זיך ווי איר זיידע דער בעל שם טוב קומט צו איר און חלום אין פרעגט איר, ״פארוואס האסטו דאס געטון צו מיך? פארוואס האסטו מיך געמוטשעט צו אויסהיילן דיין זון? ער איז שוין געווען אויף יענע וועלט און איך האב אים געדארפט אויפזוכן צווישן טויזענטער נשמות אים צו מאכן צוריק לעבעדיג.״

ישראל האט שוין אייביג געהאט א טויטע איינגעפאלענע פנים, צוליב דעם וואס ער האט שוין געהאט נפטר געווארן, און נאר וועגן זיין מאמע׳ס תפילות וואס זי האט געבעטן די אייבערשטער, האט די בעל שם טוב אים געמאכט צוריק לעבעדיג.




*״ זי חלומ׳ט זיך ווי איר זיידע דער בעל שם טוב קומט צו איר און חלום״*

**פיגא האט גע׳פועל׳ט א ריזיגע נס מיט תפילה, עפעס וואס איז געווען אוממעגליך, אבער מיט תפילה האט די אייבערשטער געטוישט די טבע, און געמאכט איר זון צוריק לעבעדיג. די זעלבע זאך קען א יעדע מיידל טון, בעטן די אייבערשטער אלעס וואס זי דארף, נישט קיין חילוק אויב עס זעט אויס ״אוממעגליך״ ווייל ביי די אייבערשטער איז אלעס מעגליך.**

# פון אונזערע לעררינס...

יום ב' משפטים תשע"ח

**לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'**

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק איך האב הנאה דיר צו זען יעדן טאג, אנגעטון אזוי צניעות'דיג און איידל. נעכטן ווען דו ביסט נישט געווען אין סקול האט מען עס עכט געפילט. די מיידלעך האבן אזוי ליב צו שמועסן מיט דיר ביי ריסעס און אין קלאס הערסטו זיך אזוי גוט צו, אז עס איז א נחת און עס לוינט זיך צו געבן יעדע שיעור, נאר פאר דיר אליין!

זאלסט וויסן אז אפילו מיר האבן זיך געבענקט צו דיר נעכטן, האב איך נאך מער הנאה אז דו ביסט געבליבן אינדערהיים העלפן דיין מאמע, ווייל דאס איז די עיקר, צו מקיים זיין וואס מיר לערנען. און איך ווייס ווי גערן דו טוסט עס, און דו מאכסט נישט דיין מאמע פילן ווי דו טוסט איר א גאנצע טובה. דאס איז די שענסטע זאך צו זען ביי א מיידל ווי זי איז מכבד אירע עלטערן.

אוודאי וואלט איך געוואלט זאלסט זיין יעדן טאג אין סקול, ווייל יעדן טאג וואס מען פארפעלט, פארפאסט מען וויכטיגע לימודים, ספעציעל די טאג וואס מען לערנט נייען איז זייער וויכטיג נישט צו פעלן, ווייל עס איז זייער שווער נאכדעם זיך צו מיטכאפן און נאכדעם פארלירט מען די חשק. אויב דו פעלסט יא, דארפסטו אליין מאכן זיכער צו פרעגן א מיידל און טון וואס דו האסט פארפאסט. אזוי אויך ביי הלכה, וואס איז זייער וויכטיג, דארף מען וויסן וואס מען האט פארפאסט.

האלט ווייטער אן דיין הערליך, שיינע דאווענען, עס איז א נחת צו זען יעדן טאג!

אויך האב איך זייער הנאה צו זען ווי דו גייסט אנגעטון פשוט, צאמגענומען און איידל, עס איז שענער ביי מיך ווי די מערסט פענסי קליידער ווייל איך זע דו מאכסט נישט קיין עסק פון קליידער, ווייל דו ווייסט וואס די עיקר איז, און וואס איז נאר די

מיט ליבשאפט,

# רעסעפי

## DELICIOUS OAT MEAL COOKIES



6 c old fashioned oats

1.5 c oat bran

1 pack 6 oz ground almond

1 c sugar

2 vanilla sugars

1.5 c brown sugar

1 tsp baking powder

1 tsp baking soda

1 c oil

1 c chocolate chips

3 eggs

For smoother texture Blend oats. Mix all ingredients. Scoop onto cookie sheet. Bake 375° for 18 minutes.

**נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!**

## ספר המדות ווינקל




### אות אמונה

מג. אֵין יְרוּשָׁלַיִם נִפְדֵית אֶלָּא בִּצְדָקָה.

ירושלים וועט נאר ווערן אויסגעלייזט דורך צדקה.

מו. לֹא יִבָּנֶה יְרוּשָׁלַיִם עַד שֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם בֵּין יִשְׂרָאֵל.

ירושלים וועט נאר ווערן אויפגעבויט ווען עס וועט זיין שלום צווישן אידן.

## קוואל פון חיזוק



וועלכע מעדיצין זאל איך נעמען?

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,4,2,99

212-444-9169



**א גוט שבת!**

זמן שבת: 5:04

זמן מוצש"ק: 6:33